איר אַלע האָבן זיך דאָ צונױפֿגעקליבן לכּבֿוד דעם טאָג פֿון ל״ג בעומר, װאָס זיכער װײס יעדערער פֿון אײַך די הױפּט־זאַכן און פּאַסירונגען װאָס זײַנען פֿאַרבונדן מיט דעם טאָג, װאָס בכּללות איז דאָס אָט דאָס װאָס די תּלמידים פֿון רבי עקיבֿא איז פֿון ל״ג בעומר אָן האָבן זײ זיך אױפֿגעפֿירט װי דער רבי זײערער רבי עקיבֿא האָט זײ געלערנט, אַז ״ואָהבֿתּ לרעך כּמוך״, אַז מ׳זאָל נוהג זײַן כּבֿוד, באַציִען זיך װי ס׳דאַרף צו זײַן אײנער צום צװײטן, און דער צװײטער ענין װאָס דאָס איז דער טאָג װאָס רבי שמעון בן יוחאי, אײנער פֿון די הױפּט־תּלמידים פֿון רבי עקיבֿא, האָט געזאָגט, אַז דאָס איז זײַן יום שׂמחה, דער פֿרײלעכער טאָג, װאָס ער האָט דערגרײכט דאָס העכסטע אין לערנען און פֿאַרשפּרײטן תּורה, און אין אַ װעג אַז דאָס זאָל דערנאָך אַראָפּקומען דורך זײַנע תּלמידים און תּלמידים פֿון תּלמידים ביז צו אונדזער דור, ביז משיח װעט קומען און װעט אַרױספֿירן אידן פֿון גלות, און װעט זײ פֿירן אין ארץ ישׂראל, במהרה בימינו.

ס׳איז דאָ נאָך אַ ספּעציעלע ענין און לערנונג אױף הײַנטיקן מצבֿ, װאָס אײַערע ברידער און שװעסטער װאָס געפֿינען זיך אין ארץ הקודש, אין ארץ ישׂראל, שטײען איצטער אין אַזאַ לאַגע, װאָס דער אױבערשטער באַשיצט זײ און שיקט זײ זײַנע ברכה און הצלחה און ישועה אין אַ פֿאַרגרעסערטער מאָס, כּדי זײ זאָלן אַרױסקומען, און זײ װעלן אַרױסקומען פֿון דעם איצטיקן מצבֿ מיט הצלחה, ליגט אױף אײַך אַ ספּעציעלע זכות אַרױסהעלפֿן זײ, אַז דורך דעם װאָס איר װעט לערנען מיט אַ פּסוק מערער תּורה, און דורך דעם װאָס איר װעט מקײם זײַן נאָך אַ מצוה און נאָך אַ מצוה, און װעט ניט דורכלאָזן קײן געלעגנהײט אין דעם,

און וועט אויך טאָן אין "וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ" אַיינוּוירקן אויף אַייערע קְרוֹבִים און פְּרַיינְט און די מִשְׁפָּחוֹת, אַז זיי זאָלן אויך אויסנוצן יעדע מעגלעכקייט אויף פאַרשפּרייטן תּוֹרָה און אירע מִצְוֹת איז ווי רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי האָט געזאָגט, איז דאָס מציל יעדער אידן וואו ער זאָל זיך נאָר ניט געפינען פון די שוועריקייטן מיט וועלכע ער טרעפט זיך, און דאָס ברענגט אים דעם אויבערשטענס בְּרָכָה אין אַ פאַרגרעסערטער מאָס, אין אַ יְשׁוּעָה וְהַצְלָחָה.

(משיחת ל"ג בעומר ה'תשכ"ז.)